## 16. אַ מעשׂהלע פֿון אַ מיידעלע אויפֿן שפּיץ קלויסטער

ס׳איז אַ מאָל געווען אַ טאַטע מיט אַ מאַמען, האָבן זיי געהאַט צוויי קינדער, צוויי מיידעלעך. איינער האָט מען גערופֿן גיטעלע און דער אַנדערער רחלע. און זיי האָבן אויך געהאַט אַ באָבן מיט [אַ] זיידן.

האָט מען גיטעלע[ן] האָלט געהאַט, ווײַל זי איז געווען אַ קלוגע און האָט אַלעמען געפֿאָלגט. און רחלען האָט מען פֿײַנט געהאַט, ווײַל זי איז געווען אַ נאַר און האָט קיינעם ניט געוואָלט פֿאָלגן. האָט דאָס רחלען פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס גיטעלען האָט מען האָלט און איר האָט מען פֿײַנט. איז זי פֿאַר צרות אַוועק פֿון דער היים און האָט זיך געזעצט אויפֿן שפּיץ קלויסטער.

און אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן[!] זיך דאַוווסט דערפֿון, האָט דאָס זיי זייער שטאַרק פֿאַרדראָסן, זײַנען זיי אַוועקגעלאָפֿן צום קלויסטער זען, ווו רחלע איז. האָבן זיי איר טאַקע דערזען זיצן אויפֿן שפּיץ קלויסטער. האָט דער טאַטע געזאָגט צו איר:

„רחלע, מײַן טאָכטערקע,
אַהיים זאָלסטו מיר גיין,
אַהיים זאָלסטו מיר גיין!“

האָט רחלע געזאָגט:

„ניין, טאַטע, ניין,
אַהיים וועל איך ניט גיין,
אַהיים וועל איך ניט גיין!

װען אַלע גלעקער װעלן קלינגען
און גיטעלעס בױך װעט צעשפּרינגען,
אַהײם װעל איך ניט גײן,
אַהײם װעל איך ניט גײן!"

האָט די מאַמע געזען, אַז רחלע װיל ניט פֿאָלגן דעם טאַטן, איז זי אַלײן צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

„רחלע, מײַן טאָכטערקע,
אַהײם זאָלסטו מיר גײן,
אַהײם זאָלסטו מיר גײן!"

האָט רחלע געזאָגט:

„נײן, מאַמע, נײן,
אַהײם װיל איך ניט גײן,
אַהײם װיל איך ניט גײן!

װען אַלע גלעקער װעלן קלינגען,
און גיטעלעס בױך װעט צעשפּרינגען,
אַהײם װעל איך ניט גײן,
אַהײם װעל איך ניט גײן!"

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געזען, אַז רחלע װיל ניט פֿאָלגן, זײַנען זײ אַהײמגעגאַנגען און פֿאַרשלאָסן די טיר. נאָר אַז ס׳איז געװאָרן שפּעט בײַ נאַכט און זײער פֿינצטער, האָט זיך רחלע דערשראָקן, איז זי אַראָפּגעקראָכן פֿון שפּיץ קלױסטער און איז אױף גיך געלאָפֿן אַהײם.

קומט זי אַהײם, שלאָפֿן שױן אַלע און ס׳איז פֿאַרשפּאַרט די טיר פֿון שטוב. קלאַפּט זי אָן און זאָגט: „טאַטע, עפֿן מיר!" זאָגט דער טאַטע: „אַװעק פֿון דאַנען, אַ גױע דאַרף איך ניט האָבן אין שטוב!"

קלאַפּט זי װידער אָן און זאָגט: „מאַמע, עפֿן מיר!" זאָגט די מאַמע: „אַװעק פֿון דאַנען, אַ גױע דאַרף איך ניט האָבן אין שטוב!"

קלאַפּט זי ווידער אָן און זאָגט: „באָבע, זיידע, עפֿנט מיר!" זאָגן זיי: „אַוועק פֿון דאַנען, אַ גויע דאַרפֿן מיר ניט האָבן אין שטוב!"

האָט זיך רחלע מישבֿ געווען און האָט נאָך אַ מאָל אָנגע-קלאַפּט אין טיר און האָט געזאָגט: „גיטעלע, מײַן שוועסטערקע, עפֿן מיר!" האָט גיטעלע איר געגעבן אַן עצה:

„טו אַ צי פֿאַרן שנירעלע,
וועט זיך עפֿענען די טירעלע;
טו אַ טראָט אויפֿן ברעטעלע,
וועסטו אַרײַנשפּרינגען אין בעטעלע."

האָט רחלע אַזוי געטאָן, איז זי אַרײַן אין שטוב און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. און דאָס איז דער סוף פֿון דער מעשׂהלע.